**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/24/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול רופט אויף טראמפ אדמיניסטראציע צו צוריקגעבן 13.5 ביליאן דאלאר אין טאריף באצאלונגען פאר ניו יארקער**

***ניו יארקער פאמיליעס האבן באצאלט אומגעפער 1,751 דאלאר פאר א הויגעזונד צוליב טאריפס זייט זיי זענען איינגעפירט געווארן פאריגע יאר***

***טראמפ טאריפס שעדיגן קאנסומער, קליינע ביזנעסער און פארמער דורכאויס ניו יארק גאווערנאר האט פארגעלייגט 30 מיליאן דאלאר טאריף דערלייכטערונג פלאן פאר ניו יארקער פארמער וואס מוטשענען זיך צוליב געהעכערטע קאסטן און אנדערע נעגאטיווע אפעקטן פון טאריפס***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט גערופן אויף די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע צו צוריקגעבן די אומגעפער 13.5 ביליאן דאלאר אין טאריף באצאלונגען פאר ניו יארקער, נאכפאלגנדיג די לעצטיגע סופרים געריכט באשלוס וואס טוט איבערדרייען די Trump (טראמפ) טאריפס. באזירט אויף שאצונגען פון די יעיל בודשעט לעב (Yale Budget Lab), האט די דורכשניטליכע ניו יארקער הויגעזונד באצאלט א געשאצטע 1,751 דאלאר אין געהעכערטע קאסטן צוליב טאריפס זייט זיי זענען איינגעפירט געווארן פאריגע יאר, האבנדיג א סך הכל געשאצטע 13.5 ביליאן דאלאר אפעקט אויפ'ן גאנצע סטעיט.

"די זונלאזע און אומלעגאלע טאריפס זענען בלויז געווען א שטייער אויף ניו יארקער קאנסומער, קליינע ביזנעסער און פארמער — און דערפאר פאדער איך א פולע ריפאנד," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "איך וועל קיינמאל נישט אויפהערן קאמפן פאר ניו יארקער, און דאס מיינט בלייבן קאנצענטרירט אויף צוריקשטעלן מער געלט אין אייערע טאשן — נישט עס אוועקרייסן."

איך צוגאב צו די אפעקט פון Trump (טראמפ) טאריפס אויף מיליאנען קאנסומער, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אויך ארויסגעהויבן די שאדן פאראורזאכט דורך טאריפס אויף ניו יארק'ס קליינע ביזנעסער און בעיקר פארמער דורכאויס דעם סטעיט. אלס טייל פון איר 2026 סטעיט פון די סטעיט, האט די גאווערנאר פארגעשלאגן 30 מיליאן דאלאר אין טאריף דערלייכטערונג צו העלפן שטיצן אפעקטירטע פארמער דורכאויס דעם סטעיט. אפילו מיט די לעצטיגע סופרים געריכט אורטייל וואס טוט איבערדרייען Trump's (טראמפ) טאריפס, איז די שאדן שוין אבער געטוהן געווארן פאר פילע פארמער - מיט פארמער דורכאויס ניו יארק וואס שטייען אויס העכערע געצייג און סופליי קאסטן און אנדערע גרויסע שוועריקייטן.

טאריפס לייגן צו נאך א שיכט פון קאסטן און אומקלארקייט וואס מאכט פלאנירן א צוקונפטיגע אינוועסטירונג אסאך שווערע פאר פארמער.

- איבער 80 פראצענט פון אגראכעמישע אימפארטן און 70 פראצענט פון פארעם מאשין אימפארטן קומען פון לענדער אויסגעשטעלט צו טאריפס פון 10 פראצענט אדער מער. פארמער

וועלן האבן שוועריקייטן צו טרעפן אנדערע סופלייערס צו פארמיידן טאריפס צוליב די הויכע צאל אימפארטן פון הויכע-טאריף לענדער.

- פארעמס איבער'ן סטעיט שטייען אויס העכערע הוצאות פאר פערטילייזער און געצייג, מיט געוויסע פארמער וואס געבן אן אז זייערע ביזנעסער שטייען אויס העכערונגען פון 20,000 דאלאר א יאר, אין צייט וואס מילך עקספארטן זענען געפאלן מיט 7 פראצענט.

אין רעאקציע צו די נעגאטיווע אפעקטן, האט גאווערנאר Hochul (האקול) געמאלדן א פארשלאג פאר 30 מיליאן דאלאר אין טאריף דערלייכטערונג פאר ניו יארקער פארמער אלס טייל פון איר 2026 סטעיט פון די סטעיט אין יאנואר.

די פלאן וועט צושטעלן דירעקטע באצאלונגען פאר ניו יארק ספעציאליזירטע קראפ וואקסער, האדעווער פון בהימות פאר פלייש, מילך פארמער, און אקוואקאלטור פארמער צו העלפן אדרעסירן די שוועריקייטן צו וואס אפעקירטע פארמער לענגאויס דעם סטעיט זענען אויסגעשטעלט.

נאך פארגעשלאגענע איניציאטיוון אין די היי יעריגע סטעיט פון די סטעיט זענען אויך געאייגנט צו שטיצן אונזער אגריקאלטור אינדוסטרי, אריינגערעכנט נאך א רונדע פון די מילך מאדערניזירונג גרענט פראגראם (Dairy Modernization Grant Program) און פארלענגערן די ריפאנדעבל אינוועסטירונג שטייער קרעדיט צו געבן פארמער די צייט און קלארקייט וואס פעלט זיך אויס צו מאדערניזירן אפעראציעס און דורכפירן גרויסע פראיעקטן.

**סטעיט סענאטאר Michelle Hinchey (מישעל הינטשי) האט געזאגט,** "פרעזידענט Trump's (טראמפ) טאריף פלאן האט אומ'יושר'דיגערהייט געהויבן שטייערן אויף ניו יארקער, ארויפטרייבנדיג קאסטן פאר ארבעטנדע מענטשן און מאכנדיג עס טייערע צו זיין א ביזנעס וואס אפערירט אין ניו יארק. אונזערע איינוואוינער און ביזנעסער זענען בארעכטיגט צו צוריקבאקומען יענער געלטער אין זייערע טאשן, און די פעדעראלע רעגירונג מוז זאפארט צושטעלן דעם ריפאנד."

**אסעמבלי מיטגליד Donna Lupardo (דאנא לופארדאו) האט געזאגט,** "ניו יארקער פארמער זענען ספעציעל שטארק אפעקטירט געווארן דורך די פעדעראלע פינאנצירונג איינפרירונגען, שניטן און טאריפס. מיט די העכערונג אין קאסטן פאר וויכטיגע סופלייס, א שטייגער ווי פארעם געצייג, מוטשענען זיך פארמער צו דעקן די קאסטן. די פעדעראלע רעגירונג איז שולדיג פאר אונזערע פארעם פאמיליעס צו צוריקגעבן די טאריפס וואס זענען איינקאסירט געווארן, אבער אויף דערווייל וועט סיי וועלכע הילף וואס די גאווערנאר און מיינע קאלעגען קענען צושטעלן זיין גוטע נייעס."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן